STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03222

DER 14-TER HERMAN GOLD

Yitshak Libman

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יצחק ליבמאַן

דער 14-טער

הערמאַן גאָלד

(פון דער סעריע: „פאַרשוויגענע אידישע שרייבער”)

פאַרלאַג „וואָכנבלאַט”, ניו-יאָרק

Copyright 1944 by

Farlag "Wochenblat"

Room 901, 41 Union Square

New York 3, N. Y.

369

ה. גאָלד, געמאָלן פון באָטע קאָזלאָווסקי

אָנשטאָט אַ הקדמה

אין די יאָרן 1927 און 1928 האָט הערמאַן גאָלד פאַרעפנטלאַכט אין דעם זשורנאַל „אונדזער בוך" אַ סעריע פון 13 אָפּהאַנדלונגען איבער אידישע שריפטשטעלער, א.ג. „דרייצן אַמעריקאַנער שרייבער". ווען ער האָט געענדיגט אָט־יענע סעריע — פון וועלכער יעדער אַרטיקל האָט אַנטהאַלטן 50 פאַראַגראַפן — האָט דער שרייבער פון די שורות אָפּגעדרוקט אין דער זעלבער צייטשריפט אַן אָפּשאַצונג פון גאָלד׳ס געדאַנקען־ און אידייען־וועלט, א.ג. „דער פערצנטער". אָט־דאָס ביכל פאַראַגראַפן איז נאָר אַ פאַרזוך געווען צו מרמז־זיין אויף אייניגע הויפּט־עלעמענטן פון דער פערזענלאַכקייט ה. גאָלד. דער תוך פון יעדן פאַראַגראַף וואָלט געדאַרפט, ביי אַ געלעגנהייט, ברייטער, און פילייכט מיט מער הסברה אַרומגערעדט ווערן — אַן עובדא וואָס עס וואָלט זיך מיר גערן געוואָלט דורכפירן, ווען צייט און אַנדערע אומשטענדן וואָלטן דערלויבט. איז דאָך גאָלד איינער פון דעם ערשטן מנין גאַנצע אַמעריקאַנער אידישע שרייבער! איינער פון די דעמבעס פון דער מאָדערנער אידישער וועלט־ליטעראַטור!

ס׳דאַכט מיר, אַז איצט ווערט 40 יאָר, אָדער אַן ערך 40 יאָר, זינט גאָלד האָט פאַרעפנטלאַכט זיין ערשטן כתב־יד. 40 יאָר פון זיין

אַ פאַרשוויגענער שרייבער — אַזאַ דאַטע מעג אַקצענטירט ווערן, אַזאַ יובל מוז און זאָל געפייערט ווערן.

זאָלן, דעריבער, מיינע פּאַראַגראַפן א.ג. „דער פּערצענטער״, דינען ווי אַ באַשיידענער צוטראָג צו דער ווירדיגער ליטעראַרישער פייערונג־ביט־פייערונג פון 40 יאָר גאָלדישן שמייכל, שטיף און חן אין אידישן לעבן פון אַמעריקע —

י. ליבמאַן.

דער אַקצענטירטער ציפּער — וואָס וועט דעם „אונד־זער בוך“-לייענער לייכט פירן צו אַסאָציאַציע מיט ה. גאָלד׳ס נאָר־וואָס פאַרענדיגטער סעריע „דרייצן אַמערי־קאַנער שרייבער“ — טוט ניט בלויז אָנדייטן אויף פּרע־טענזיע פון לאָגישן דערגענץ, נאָר איז הויפּטזאַכלאַך אַן אויסרייד פאַרן אויטאָר פון איצטיגן השערה־אָנוואורף זיך אריינצוציען אין אַ דיסציפּלינירטן זעלבסט-שמועס מכוח אַ באמת׳דיגן היגן אידישן שריפטשטעלער, וועלכער איז אַפילו פון זיינע מערסטע זיך־רעקלאַמירנדיגע אָנהענגער, האַלטער, דערקלערער און מבינים פאַרשטאַנען און אויפ־גענומען געוואָרן פלאַך, אויב ניט לעכערלאַך.

⁂

דער אידיש-מעטאָדאָלאָגישער פּרינציפּ „אין מוקדם ומאוחר“, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר גאָלד׳ס עסיי־

מעסיגע שריפטן, און, וואָס האָט זיך איבערהויפּט שאַרף אַרויסגעזען אין זיין סעריע „13", וועט אויך אין דעם „הוספה"־אַרטיקל אָפּגעהיט ווערן, און דערמיט מער כשר'ן די איצטיג־„אַריינגעשמוגלטע" פופציג פסוקים צום ציפער דרייצן.

⁂

דרייצן איז בלויז איין הויפן היגע אידישע שרייבער וואָס האָט זיך אַרויסגענומען כמעט ווי אַ זכה־בגורל קוויטל. גאָלד האָט דאָ ניט בדעה געהאַט קיין דיסקרי־מינאַציע. עס האָט פונקט אַזוי געקענט זיין אָט־די רשימה: ראובן אייזלאַנד, מ. אָלגין, ציליע דראַפּקין, זישע לאַנדוי, א. לוצקי, ל. מילער, נ. ב. מינקאָוו, מנחם, יעקב סטאָדאָל־סקי, יאָסל קאָטלער, י. ראָלניק, ב. ריווקין און י. י. שוואַרץ.

⁂

„דרייצן", פאַרמערט אין אַן אַריפמעטישער, צי אַ געאָמעטרישער פּראָגרעסיע, גלייכט זיך ביי אים צום איינס, וואָס איז אַן אָפּצווייג פון אַמעריקאַנישן שרייבער־שען איינס און איז אַ ווייטערער אָפּצווייג פון אַמעריקאַנישן אידנטום אַלס טייל פון אַמעריקאַנער פעלקער־משפחה, צעפירט אין זיך אויסברייטערנדיגע צירקלען פון ראַסע, מענטשהייט, וועלט־ערד און וועלט־אַל.

⁂

דער „בלינדער", אידיש־טראַדיציאָנעלער „אחד" איז ביי אים דער באַוואוסטזיניגער איינס דורך וועלכן ס׳ווערן אים קלאָר סיי די אותות ומופתים, סיי די קאָמפּליצירטסטע מענטשלאַכע דילעמעס.

⁂

רעדוצירנדיג אַלץ צו זיין טעאָרעטישן „איינאונאיינציגטום" — זיינען די ליטעראַטורן פון שכנישע פעלקער,

נאַציעס בלויז געגנזייטיגע פּאַראַפראַזירונגען. די כלו־מרשט־אַנדערשדיגע ליטעראַטורן — איין ליטעראַטור. אי־בערזעצונגען פון איין ליטעראַטור־שפּראַך אין אַ צווייטער קוקט אים אויס ווי געטאָן נוצלאָזע און אַמאָל אַפילו דע־פעקטיווע אַרבעט, אָדער זעלבסטקאַריקאַטוריזירט.

⁂

דאָס אויפנעמען אַלץ און אַלעמען אין ליכט פון דעם איינציק־אומבאַשטרייטבאַרן „אחד" פירט ניט דוקא צום שטאַנדפּונקט פונם קלוג־וואָרט: „אַלע יונים האָבן איין פּנים".

⁂

זיין „אחד" אין די קונסטן און אין דער שיינער לי־טעראַטור איז די ליניע וואָס פירט צום פרימיטיוו.

⁂

פּרימיטיווקייט איז זיין מאָס צו שרייבער, שוישפּי־לער, מאַלער און מוזיקער. האָט דאָס איינער, ט'ער זיך איינגעקויפט ביי אים ביידע וועלטן. „אין וואָס איז ריי־זענס גרויסקייט? — וואָס ער האָט געזען דעם פּרימיטיוו אין זיין גאַנצער גרויס, אַז ער איז אַזש פאַרכאַפּט געוואָרן פון דעם" („אונדזער בוך", ז. 173, 1926).

⁂

ריידנדיק פון יהואש'ן ווי פון „אַ גרויסן, גרויסן פּאָעט" געניגנט איין נאָטיץ זיינעם איבערלייענען („יהואש און זיין נאָמען", „אונדזער בוך", ז"ז 86־88, 1926) און וויסן אַז יהואש איז ניט זיין פּאָעט, ווייל יהואש'ס ווערק פירן ניט צום פּרימיטיוו.

⁂

אין ליטעראַטור, טעאַטער, מוזיק און אין פּלאַסטישער קונסט זוכט ער דאָס פּרימיטיווע וואָס איז ביי אים סינאָ־

נים צו דאָס אידישע. ניט מער ווי נאָך אַ וואָרט פאַרן זעלבן באַגריף.

⁂

אָפט געענוגנט אים איין פינטל (.) כדי אָנשלאָגן זיך אָן דעם נויטיגן און געזוכטן טאָן.

⁂

אין דער פונקטואַציע־משפחה איז דאָס פינטעלע (.) זיין באַליבטסטער מיטגליד, אָן וועמען ער מאַכט ניט קיין פסיעה גסה. דידאָזיגע אייגנשאַפט וואָס איז אויך כאַראַקטעריסטיש פאַר לוצקי'ן וואַקסט אַרויס פון דער אוממיטלבאַרער געמיטלאַכקייט וואָס באַהערשט אים אין אַלע פאָרמען און פאַזן פון זיין שריפטשטעלערישן אויסדרוק.

⁂

אָפט, ביים ערשטן זאַץ דערזעט ער דעם מהות פון שרייבער. איז דער זאַץ־פאַרמעג צווישן דריי און פיר

ווערטער ציט זיך דאַן די ליניע ביזן אורשטאַם פון אידישן פּסוק און סע שטימט: אַ איד. צ.ב. ליכט און גלאַטשטיין. דער ערשטער לויט דעם מאַסשטאַב — אַ גוי; דער צווייטער — אַ איד.

⁂

ניט דערפאַרענע גליטשער לאָזן זיך לייכט שטרויכלען דורך דער פאַרפירערישער שילד: „איד-מאַטיוון", וואָס „מע" האָט אויפגעהאַנגען אויף זיין ליטעראַרישער פיזאָנאָמיע. איד-גוי און גוי-איד שטעלן זיך ניט אויס קיין ציינגער. זיינען ניט אָדער-אָדער. פאַרקערט, זיי ציען זייער וועג כמעט אין פאַראַלעלער ליניע, נאָר זייערע פאָרמען פון זיך אויסלעבן געדאַנקלאַך זיינען אַנדערע.

⁂

זיינע אידן זיינען ענלאַך צו גויים. עסן פיינע פישן, באַקן חלה, גייען זיך באָדן, האָבן ליב שפּאַצירן, לוסטן צו

וואַלד-וואַנדלעריי, זיינען זיך מחיה מיט מעשה-שפּיל און פּורים-שפּיל. איבערהויפּט — פריילאַכקייט און שפּיל. גייט אַ איד זיך באָדן, פאַרלירט ער אַ שוך, פאַלט דאָרט אַריין אַ פיש, און אַזוי פאַרשלעפּט ער אַ פיש אויף שבת. באַקט אַ רביצין אָפּ חלה, וויל פון דעם דאָס מייזעלע פאַר-זוכן און די קאַץ — אודאי: ווערט אַ געשלעג, אַ טומל — כאַפּט זיך אויף דער רב, די רביצין, ווערט גרעסער דער ליאַרעם, אינטענסיווער — דער שפּיל. שטילט זיך איין דער טומל, שטעלט זיך אָפּ דער שפּיל און — די מעשה איז אויס.

⁂

אידיש לעבן, אין אַלע זיינע מאַניפעסטירונגען, האָט מיטן פאַקט פון „דאָ-זיין" שוין אויך מיטגעבראַכט אָנגע-שריבענע טעאָריע-ביכער, וואָס זיינען אָפּן פאַר אַלע וואָס זיינען געאיבט, צי באַאַבט, מיט דער לייען-קונסט פון

„אותיות וואָס שוועבן אין רוים״. גאָלד, וועמעס התפּעלות פון פּלפּול-ספרים איז ווייט פון אַ וואַרשיינלאכקייט, איז, צווייפללאָז, אַ מתמיד אין אָט־די סאָרטן „לייענביכער״ — וויל כאָטש זיי שוועבן אין רוים זיינען זיי ענג פאַרקניפּט מיט ערדישן באָדן, צו וועלכן ער איז מיט אַלע זיינע חו־שים איבערגעגעבן, ווי דער טרייסטער דינער.

⁂

אידיש איז ניט בלויז קיין באַצייכענונג פאַר דער שפּראַך און אירע צווייגן, וואָס דאָס איז, געוויינלאַך, דער דורכשניט־באַגריף פונם וואָרט. דאָס פינף־אותיות׳דיגע וואָרט איז ביי אים אומבאַגרעניצט און גרויס, ווי רוים, גאָטהייט און איז פול ווי אַן אומגעהויער־ריזיגער מיל־גרוים, וואָס אַנטהאַלט אַ קאָמפּלעקס פון דער וועלט מיט אירע באַשעפענישן — ביזן קלענסטן שאַרף פון דעטאַל.

⁂

ווען מען וויל, אָבער, אידיש פאַרשאַרפן (אידישיזם) קוקט עס אים אויס ווי דינען אַ זייטיגן, אָפּט שעדלאכן צוועק און, אין די מערסטע פאַלן, ווי אַ סתירה צום צוועק־לאָזן צוועק וואָס אידיש טראָגט מיט זיך אָן כונה און אָן חשבון.

⁂

אידישקייט, דער צענטראַלער מאָטיוו פאַרן קאַמפּ־לעקס געפּעכטן צווישן אונזערע אַלערליי קריגנדיגע די־וויזיעס — וואָס איז איצט אַזוי שאַרף אַקטועל, ווי נאָר וואָס צעפּלאָקערט — האָט אים ניט „אריינגעצויגן אין די רייען". אַ קאַמף וועגן דער נויטיגקייט, אָדער עקזיסטענץ־רעכט פון דער שלאָף־פונקציע וואָלט זיך ביי אים אַלגע־בריאיש געגליכן צום אומגעהויער־באַזינטן שלאַכט צווי־שען אידן וועגן דעם אידישקייט־מהות.

⁂

דער צד־השוה פון די מערסטע וואָס ריידן וועגן וועלטלאַכער אידישקייט איז — איינגעזוברעוועטע רע־טאָריק. אין זיין געמיטלאַך־דענקערישער פּאָזע זעט ער און לעבט דעם געגנוואַרטיגן אידיש־וועלטלאַכן לעבן וואָס איז אַרויסגעוואַקסן פון — פון — פון און פון ביז — ביז — ביז און ביזן אידישן עברישן פּרימיטיוו וואָס איז דער אור־פּאָטער פונם „עבר־הנהר".

⁂

אידיש־מענטשלאַך־נאַציאָנאַלע תביעות, סיי געש־טעלט פּאָליטיש, סיי קינסטלעריש (ווי ל. שאַפּיראָ, אין זיין בוך „די אידישע מלוכה") איז, לויט גאָלד'ן, אַנטי־אי־דיש, אַנטי־מענטשלאַך און אַנטי־נאַציאָנאַל.

⁂

זיין איך־אידעאָלאָגיע איז די פּערפעקטסטע און רייג־סטע פּאַרקערפּערונג פון וועלטלאַכער אידישקייט.

⁂

מענטשן בטבע טיפזיניגע האָבן אויפגעכאַפּט גאָלד׳ס הויפּט שעפערישן מהות: אַקצענטירטע אידישקייט. ביי זיי טייטשט זיך עס: אָנהאַלטונג פון רעליגיעזן און טראַדי־ציאָנעל-נאַציאָנאַלן צערעמאָניאַל, אַריינשמוגלענדיג עס ביים עטאַבלירן ליטעראַטורישע סטאַנדאַרטן און פאַקטן.

⁂

טייל קאָלעגן ריידן צו אים וועגן דעם. מען שטימט עס אַפילו אָפּ און ער שטימט אויך דאַפיר. ער איז אָבער זיכער אַז מען רעדט דאָ וועגן יענעם גאָלד׳ן מיט וועמען ער דאַרף זיך ערשט באַקאָנען.

⁂

טייל בילעטן-קויפער אין גאָלד׳ס מעשה-לאַבירינט דערוואַרטן אידיש־רעליגיעזן צערעמאָניאַל אין פלאַסטיק: אידן מיט ברייטע און לאַנגע באָרד און פאות׳ן טראָגן שוואַרצע אַטלאַסענע קאַפּאָטעס, זיצן אין סוכה, שלאָגן

כּפּרות, גייען צו תּשליך, בענטשן אתרוג, פאַסטן ענויים, בלאָזן שופר און דאַוונען בצבור. די דאָזיגע לייט וועלן, אומגעריכטערהייט, באַרייכערט ווערן מיט נאָך אַן אַנטוישונג.

⁂

אייניגע טענה'ן אַז אין זיינע מעשות נעמט די פאַבולע אַזאַ באַשיידן אָנטייל, אַז זי האָט ניט גענוג כּוח צו פאַראינטריגירן דעם קינד. גאָלד וועט, אָבער, זיכער איבערראַשט זיין אויסגעפינענדיג אַז די לעצטע באַערונג שטעלט אים אין דער בחינה פון אַ צייטונגמאַן, וועמעס מעשות, פון היינט און ווייטער, דאַרפן זיין שטרענג נייעסמעסיג — פאָטאָגראַפירטע סצענקעס „פון לעבן אַנטנומען".

⁂

ביי טייל גאָר לאָפּקע יונגעלייט איז גענוג איין פראַזע און, בדיעבד אַפילו אַ וואָרט און — זיי האָבן שוין תּופס

געווען זיין גאַנצן פאַרמעג. „פיש אויף שבת" — אידיש־קייט; „צפת" — קבלה; אינדיאַנער — אַמעריקע, א.אז.וו.

⁂

צוליב דעם אינטענסיוון אינטערעס וואָס ער האָט צו מעשה־פּלאָנטעריי איז ער אייך שטענדיג „גרייט צו די־נען". דאָס שטילסטע פון דאָס שטילע קען אים באַרוישן און באַצווינגען און פירן צו אַן „אַמאָל איז געווען". אַ פּראַזע און אַפילו אַ וואָרט האָט געוונג שכרות־שטאָף אים צו באַהערשן און אים פירן צום אָנהויב פון אַ מעשה.

⁂

ווען זיינע מעשה־פינאַלן וואָלטן זיך ניט אַזוי אָפט גע־פורעמט מיטן „שטעקעלע אַריין און שטעקעלע אַרויס" וואָלט מען געקענט משער זיין, אַז די כמעט־מעכאַניזיר־טע מעשה־שלוסן זיינען אַ דעמאָנסטרירטער איבערברוך פון שאַבלאָנירטע מאָדערניזמען. ווען עס נעמט אָבער אָן

אַזאַ פּראָפּאָרציע ווי עס איז זיין בוך „מעשה׳לאַך״, לאָזט זיך עס לייכט — און מיט לאָגישער פּרעטענזיע — מאָטיווירן מיט באַקוועמען נאָכגיין דער ליניע פון לייכטסטן ווידערשטאַנד.

⁂

מערסטע פּעדאַגאָגן און אויך וויסנשאַפטלער וואָס האָבן אַ קרובה׳שע שיכות מיט קינדער־דערציאונג האָבן אַ טבע צו צעגרענעצן אַלץ וואָס מענטשלאַכע חושים קענען אויפנעמען אין צוויי שאַרף־אַנדערשדיגע רשות׳ן (קינדערשע און דערוואַקסענע) האָבן אויך דורכגעפירט די מחיצה אין דער ליטעראַטור. אונזערע אָפּיציאָזן, ניט בלייבנדיק הינטערשטעליג אין דער הינזיכט, האָבן — מיטן צעוואוקס פונם וועלטלאַך־אידישן שול־וועזן — אויך קלאַסיפיצירט אונזער שיינע ליטעראַטור און דער

גורל האָט זיינע מעשות געגומען אונטערן שוץ פון דער קינדערשער קאַטעגאָריע.

⁂

געגן זיין שטאַרקער באַמיאונג צו האָבן שלום־בית ביי אידן האָט ער דאָך דעם קינד צוגערעכנט צו דעם מין מענטש און ס׳איז אויסגעמעקט געוואָרן די שאַרפע ליניע צווישן קינד, מיטליעריגן און אַלטן און ס׳איז געבליבן: מענטש.

⁂

די אַלע פה (לאו־דוקא בעל־פה אָדער כבד־פה) און „פ־ע־ן" מפרשים זיך באַנוצנדיג, נאַטירלאַכערוויז, מיט די גאָר לעצטע מעסט־מעדיאומס שטעלן אים צווישן גראַפאָמאַניע (אַ באַגריף וואָס צוליב זיין איינפאַכקייט און אַבסאָלוטער אומצוויידייטיגקייט איז אַפילו צוגענגלאַך

פאַר דער תפיסה פון זויג-קינדער) און פלוידעריי לשמה. דאָס זיינען גראַד ניט די מחמירים, ניט פון די בית־שמאי.

⁂

ווען גראַפאָמאַנאָלאָגיע וואָלט ניט געווען אָנגעשלאָגן אין די שוסטערשע הויפן וואָלט זיך געוואָלט ווען אי־בערראַשן מיט דערפינדערישקייט, אַז דער אמת׳ער, עכ־טער און איינציג־איצטיג־גרויסער גראַף גראַפאָמאַן איז הערמאַן גאָלד. צווישן קרוב עטלאַכע הונדערט היגע אי־דישע שרייבער וואָס איך קען, ווייס איך ניט נאָך איינעם וואָס זאָל אַזוי אינטענסיוו הנאה האָבן פון דער שרייב־ווענטלאַכקייט, ביי וועלכער טעטיגקייט מען קען אים אָפט אָנטרעפן אין סאָבוויי און אין פאַרק, אין קאַפע-הויז און אין זיין פריינט׳ס סטודיע, אינמיטן טאָג, פאַרטאָג און אינמיטנדערינען.

⁂

וואָס איז שייך פלוידעריי, ווען אַפילו לשמה, זיינען רעוויזיאָנס-קאָמיסיעס אין דעם פאַל ניט דרינגענד. די לייט וואָס האָבן אַטעסטירט גאָלד'ן האָבן זייער אורטייל אַרויסגעטראָגן, לויט אַלע וואַרשיינלאַכקייטן, נאָך אַ גרינטלאַכן אונטערזוך, אַזוי, אַז אין ענין פלוידעריי מעג זיי געגעבן ווערן פול קרעדיט און צוטרוי.

⁂

בטבע אַ רעאַליקער — ווי ער אַליין וואָלט עס פאָקו־סירט — זעט ער, אָבער, ניט קיין זין אין רעאַליזם — אויב גענומען אין שטרענגן באַגריף. אילוזיע-אָנהויך פון מינימאַלסטן מינאָר פלוס דעם אומדענקבאַרן רעאַליזם און — ער האָט זיך איינגעקויפט אַ שטול אין אויבנאָן.

⁂

לעבנדיג און ליבנדיג דאָס רויע, ראַשיגע, מיט רויט־בלוט-וויברירנדיג לעבן איז אים, אָבער, באַוואוסט אַז זיינע

באַקאַנטע און אומבאַקאַנטע שטאָט־לאַנד־ און וועלט־לייט קריגן — אין די בולט׳ערע שטריכן — כמעט איין און־די־זעלביגע דערפאַרונג, אַזוי אַז דאָס רעגיסטרירן די „מעש־ים בכל יום" קאָן האָבן בלויז אַן אינפאָרמאַטיוון אינטע־רעס. ווען די „מעשים בכל יום" ווערן, אָבער, עטוואָס דערהויבן און וויקלען זיך אין געוועבן פון אייגנאַרטיג אינדיווידועלער פאַנטאַזיע־וועלט געווינען זיי זיך קינסט־לערישע עקזיסטענץ־רעכט.

⁂

צופאַל שפאַנט ער איין לויט געלעגנהייטלאַכע אויס־דרוק־אינטערעסן.

⁂

וויסנשאַפט איז ביי אים דאָס פאַרקערטע פון וויסן. די אָרגאַניזאַציע פון וויסן טייטשט זיך — וויסנשאַפט.

נאָך אַ טייטש: די פאַרפלאַכונג, פאַרמינערונג פון וויסן איז וויסנשאַפט.

⁂

להיפך זיין אָנשויאונג פרובירט ער אין זיינע אייגענע ווערק („אידישע פאָרמאַלאָגיע״; „פילאָזאָפיע פון אידישער ליטעראַטור״ און זיינע עטלאַכע כתב־יד׳ן וואָס מיר איז אויסגעקומען צו לייענען) אַריינברענגען אָרדענונג און סיסטעם.

⁂

וויסנשאַפטלייט זיינען מענטשן וואָס אַנטלויפן פון דירעקטער און אינטימער באַקאַנטשאַפט פון געגעבענע זאַכן, נאָר האָבן די באַקוועמע טבע פון איבערנעמען עס פון אַ דריטער און פערטער האַנט — ווען גאָלד וואָלט געקענט דולדן אַ פאָרמולע וואָלט ער, לפי־ערך, אַזאַ אָנגעשריבן.

⁂

ווען הויך־טיטולירטע, אָדער סתם זייער חשוב׳ע לייט „רייסן בערג״ ווענן זאַכן וואָס גרייכן די הויך פון די הויכן און קענען זיך ניט דערגרונטעווען צו דער טיף פון די טיפן ווייסט ער, אַז די „לבנה ביים טאָל אילון״ דאַרף נאָך דערווייל ניט בלייבן אָפּגעשטעלט. מיט פאָרזיכטיגער, כמו־פויערשער פשטות, חשבונ׳ט ער אַזוי: דידאָזיגע איינ־פאַכע זאַכן וואָס זעען מיר אויס אַזוי עלעמענטאַר זיינען, אָבער, זייער ווייט און פרעמד צו „דיזע״ ביכערשע מענ־טשען, וואָס אין גייעג נאָך ווילד־פרעמדע זאַכן פאַר־פּלאָנטערן זיי זיך אין אַזאַ געווירבל פון וועלכן זיי קענען קוים ניצל ווערן.

***

אַ קריטיקער, לויט גאָלד׳ן, ניט זייענדיג צוגעגרייט צו אויפנעמען יענעמס געפיל־און געדאַנק־אויסדרוק

(דורך רייד און שריפט) וועט אָן וואַקלעניש פּאַראורטיילן דעם משונה׳דיגן אָביעקט אויפן האַרבסטן אופן.

⁂

מהאי טעמא איז אַביסל קשה׳דיג, פאַרוואָס קריטי־קער, וואָס זיינען, געוויינטלאַך, רייך אין אינטואיטיווע זעאונגען, אין אַלערליי פּקחות און המצאות׳ן און — אין די מערסטע פאַלן — אין לירישע קוואַלן (מכוח היפשן באַזיץ פון ערודיציע איז שוין אָפּגערעדט) פּרובירן ניט פאַרפולקאָמען זייער פּערזענלאַכקייט מיט דעם צוקריג פון בלויז איין אומבאַדייטנדיגער המצאה: דער איינפאַל פון קרעדיטירן זיך אויך אַמאָל (אַזוי אויף צופלייסנס) מיט אַן אָנזעענדיגן מינוס, נאָכדעם ווען אַלערליי „ויש־לישב׳ס״ זיינען אַמאָל ניט עפעקטיוו אין „עפּענען די אויגן״.

⁂

דער באַוואוסטזיין אַז די פונקציע פון ליטעראַטור־קריטיק איז, אין מילדסטן פאַל, באַרינגלט פון אַ מענגע פרעג-צייכנס און אַז די ליניע פון איר גאַנג און פאַרמעסט פירט אוממיטלבאַר צו צוים־ברעכעריי, פאַראַזיטישקייט און מעכאַניש-מלמדישן אַפּטייטש — דער באַוואוסטזיין — האַלט אים ניט אָפּ, דורך אייגענעם צוטראָג, צו דעמאָנ־סטרירן, שלא בכוונה, דאָס פאַרקערטע.

⁂

גרויסקייט, גרעסער, קלענער — מאָסן וואָס זיינען אים פרעמד און ווערן פון אים ניט גענוצט — סיידן אין זין פון אונטערשטרייכן לעבן, פאַקט פון עקזיסטענץ, אָדער דאָס פאַרקערטע. בוכהאַלטערישע פאַרגלייכן, וועגן, מעסטן, צושניידן איינעם צום צווייטן, איינעם אויפן חשבון פון צווייטן זיינען פאַר אים ניט-אויפנעמבאַרע באַגריפן.

⁂

ערנסט-שווערע אָנגעוואָלקנטקייט און לייכטע שפּאַס-האַפטיגקייט געפינען ביי אים אַזאַ טשיקאַווע-אייגנאַרטיגן אויסדרוק, אַז דער דורכשניט-לייענער, מיט זיין נאַטיר-לאַכער באַגרענעצטקייט פון קוק און צוגאַנג וועט זיך זייער זעלטן אָנשלאָגן אָן טאָן וואָס פירט צו אָריענטאַציע.

☘

איינזייטיגע קוקער, וואָס קענען ניט זען זיין נאַטיר-לאַכן געפּלעכט פון ערנסט און שטיפעריי וועלן קיינמאָל ניט תופס-זיין זיין פאָרמע.

☘

געיעג נאָך אייגענער פאָרמע לויפט פּאַראַלעל מיט דער מורא פאַר דעם באַקוועמען איינלעבן זיך אין שאַב-לאָן פון אייגנאַרטיקער פאָרמע. די מורא פירט אים אָפט צום באַוואוסטזיניגן איבערברוך און, אַפילו, איבערפיר פון פאָרמע, אַבי זיך ראַטעווען פון שאַבלאָן.

☘

דער פּערצנטער

אין פּראָצעס פון זיין שטענדיגן אַוועקלויף פון דיס־טילירטן סטיל ווערט עטאַבלירט דער פאַקט פון זיין לי־טעראַרישן נוסח, וועלכער איז אַ מערקווירדיגע קאָמבי־נאַציע פון: ליכטיג־וואַרעמען אָריענט און טרוימעריש־שפּילעוודיגער פאַנטאַסטיק; דענקערישע גוטמוטיגקייט און קינדערשע שטיפערישקייט; אור־פּרימיטיווקייט און פּאָסט־מאָדערניזם; אידיש־אַנאַליטישע חריפות מיט גוי־איש־געזונט־ערדישן רעאַל־חוש.

שוין דערשינען

אין פאַרלאַג „וואָכנבלאַט"

„וואַריאַציעס"

(געקליבענע לידער)

פון יצחק ליבמאַן

• קונסט־אויסגאַבע. פּאַפּיר: איגל־עי דאַנבי דעקל, וואָו פּי־ניש, דעקל עדזש. פאָרמאַט: 9 אויף 12. שריפט: פראַנק־רוהעל. קעפּלאַך — געצייכנט פון מחבר. איינבאַנד — דע־לוקס, מיט גאָלד־שטעמפּל. פּאָרטרעט — געצייכנט פון אַננאַ וואַלינסקאַ. געדרוקט אין באַגרענעצטער צאָל פון האַנט־נומערירטע עק־זעמפּליאַרן. פּרייז — 5 דאָלער. דורך פּאָסט — 5.50 דאָל.

זיך ווענדן צו:

Farlag "Wochenblat"

ROOM 901, 41 UNION SQ., NEW YORK 3, N.Y.